# סדר האקדמות

תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א

קרית יואל – בני ברק

באארבעט דורך די חשוב'ע מלמדים שיחיו

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס עֶר הָאט גֶעהֵייסְן רַבִּי מֵאִיר חַזָן, עֶר הָאט גֶעוָואלְט מַאכְן אַ שְׁבַח פַאר'ן בַּאשֶׁעפֶער, און עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז דִי מַלְאָכִים וֶועלְן אִים מְקַנֵא זַיְין, הָאט עֶר דָאס גֶעמַאכְט אוֹיף תַּרְגוּם לָשׁוֹן וַוייל דִי מַלְאָכִים פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קֵיין תַּרְגוּם לָשׁוֹן.
און עֶר הָאט דָאס גֶעמַאכְט אוֹיף צְוֵויי עָרְלֵיי א-ב, און צוּם סוֹף הָאט עֶר גֶע'חַתְמֶ'ט זַיְין נָאמֶען:

"מֵאִיר בִּיר יִצְחָק יִגְדַל בַּתּוֹרָה וּבְמַעֲשִׂים טוֹבִים אָמֵן וֶחֱזַק וֶאֱמָץ"

מ'בֶּעט רְשׁוּת צוּ לוֹיבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער

# אַקְדָמוּת מִלִּין, וְשָׁרָיוּת שׁוּתָא:

אֵיידֶער אִיךְ הֵייבּ אָן צוּ רֶעדְן און אִיךְ בַּאגֶער צוּ שְׁפְּרֶעכְן

# אַוְלָא שָׁקִילְנָא, הַרְמָן וּרְשׁוּתָא:

צוּם עֶרְשְׁט וֶועל אִיךְ נֶעמֶען אַ עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ און רְשׁוּת פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער

# בְּבָבֵי תְּרֵי וּתְלַת, דְאֶפְתַּח בְּנַקְשׁוּתָא:

מִיט רֵייד צְוֵויי אָדֶער דְרֵיי וָואס אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן מִיט אַ קְלַאפֶּענִישׁ [פוּן מֵיין הַארְץ פַאר גְרוֹיס מוֹרֶא]

# בְּבָרֵי דְבָרֵי וְטָרֵי, עֲדֵי לְקַשִׁשׁוּתָא:

מִיט רְשׁוּת פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער און עֶר טְרָאגְט דִי וֶועלְט בִּיז צוּ אִיר עֶלְטֶער

דָאס לוֹיבּ פוּן בַּאשֶׁעפֶער

# גְבוּרָן עָלְמִין לֵיה, וְלָא סִפֵּק פְּרִישׁוּתָא:

אַ אֵייבִּיגֶע שְׁטַארְקֵייט אִיז צוּ אִים און עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג דָאס צוּ בַּאשֵׁיידְן

# גְוִיל אִלּוּ רְקִיעֵי, קְנֵי כָּל חוּרְשָׁתָא:

אַפִּילוּ אוֹיבּ פַארְמֶעט וָואלְטְן וֶוען גֶעוֶוען דִי הִימְלֶען און שְׁרֵייבּ פֶעדֶערְן אַלֶע וֶועלְדֶער

## דְּיוֹ אִלּוּ יַמֵּי, וְכָל מֵי כְּנִישׁוּתָא:

אוּן טִינְט וָואלְטְן וֶוען גֶעוֶוען דִי יַמִּים אוּן אַלֶע אֵיינְגֶעזַאמְלְטֶע וַואסֶעְרְן

## דַּיְירֵי אַרְעָא סַפְרֵי, וְרַשְׁמֵי רַשְׁוָתָא:

אוּן דִי אֵיינְוואוֹינֶער פוּן דִי וֶועלְט וָואלְטְן וֶוען גֶעוֶוען שְׁרַייבֶּעְר'ס אוּן זֵיי וָואלְטְן בַּאצֵייכְנְט מִיט אַ צֵייכֶענִישׁ [וָואלְט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאשְׁרֵייבְּן]

## הֲדַר מָרֵי שְׁמַיָּא, וְשַׁלִּיט בְּיַבֶּשְׁתָּא:

דִי שֵׁיינְקֵייט פוּן דֶעם הַאר פוּן דֶעם הִימְל אוּן דֶער גֶעוֶועלְטִיגֶער אוֹיף דֶער טְרוּקֶענִישׁ

## הֲקֵם עָלְמָא יְחִידָאֵי, וְכַבְּשֵׁיהּ בְּכַבְשׁוּתָא:

עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דִי וֶועלְט אַלֵיין אוּן עֶר הָאט עֶס פַארְהוֹילְן מִיט אַ פַארְהוֹילֶענִישׁ [קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיף וָואס דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק תּוֹלֶה אֶרֶץ עַל בְּלִימָה]

## וּבְלָא לֵאוּ שַׁכְלְלֵיהּ, וּבְלָא תְשָׁשׁוּתָא:

אוּן אָן קֵיין מִידְעקֵייט הָאט עֶר עֶס גֶעגְרִינְדֶעט אוּן אָן קֵיין שְׁוַואכְקֵייט

## וּבְאָתָא קַלִּילָא, דְּלֵית בָּהּ מְשָׁשׁוּתָא:

אוּן מִיט דֶעם גְרִינְגְסְטְן אוֹת [דָאס אִיז דִי אוֹת ה'] וָואס עֶס אִיז נִישְׁט דָא אִין דֶעם קֵיין אָנְטַאפּוּנְג [אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "כִּי בְּיָה ה' צוּר עוֹלָמִים" מִיט דֶעם אוֹת ה' הָאט עֶר בַּאשַׁאפְן עוֹלָם הַזֶה אוּן מִיט דִי י' הָאט עֶר בַּאשַׁאפְן עוֹלָם הַבָּא]

## זַמִּין כָּל עֲבִידְתֵּיהּ, בְּהַךְ יוֹמֵי שִׁתָּא:

עֶר הָאט צוּגֶעגְרֵייט זַיין גַאנְצֶע אַרְבֶּעט אִין דִי זֶעקְס טֶעג פוּן דִי וָואךְ

אָבֶער דֶער זִיבֶּעטֶער טָאג דָאס אִיז שַׁבָּת

# זֵהוֹר יְקָרֵיהּ עֲלִי, עֲלֵי כּוּרְסֵיהּ דְאֶשָּׁתָא:

אִיז דִי לוֹיטֶערְקַייט פוּן זַיין טַייעֶרְקַייט אַרוֹיף גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן פַייעֶרְדִיגְן שְׁטוּהְל (אוּן עֶר הָאט גֶערוּהְט) [אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי שָׁבַת וַיִּנָּפַשׁ"]

**וִוי אַזוֹי דִי מַלְאָכִים לוֹיבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער**

# חֲיָל אֱלֶף אַלְפִין וְרִבּוֹא, לְשַׁמְשׁוּתָא:

מִילִיטֶער פוּן טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מַלְאָכִים [שְׁטֵייעֶן גְרֵייט] אִים צוּ בַּאדִינֶען

# חַדְתִּין נְבוֹט לְצַפְרִין, סַגִּיאָה טְרָשׁוּתָא:

נֵייעֶ מַלְאָכִים שְׁפְּרָאצְן אַרוֹיס יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי [וֶוען סְ'אִיז דִי צֵייט צוּ זָאגְן שִׁירָה], עֶס אִיז גְרוֹיס דִי גְלוֹיבּוּנְג [אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "חֲדָשִׁים לַבְּקָרִים רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ"]

# טְפֵי יְקִידִין שְׂרָפִין, כְּלוּל גַּפֵּי שִׁתָּא:

נָאךְ מֶער טַייעֶר זֶענֶען דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע מַלְאָכִים וָואס הָאבְּן זֶעקְס פְלִיגְלֶען [מִיט צְוֵויי פְלִיגְלֶען בַּאדֶעקְן זֵיי זֵייעֶר פָּנִים זֵיי זָאלְן נִישְׁט זֶעהְן דִי שְׁכִינָה, מִיט צְוֵויי בַּאדֶעקְן זֵיי דִי פוּס נִישְׁט צוּ דֶערְמַאנֶען דִי זִינְד פוּן דִי עֵגֶל אוּן מִיט צְוֵויי פְלִיעֶן זֵיי]

# טְעֵם עַד יִתְיְהֵב לְהוֹן, שְׁתִיקִין בְּאַדִשְׁתָּא:

בִּיז מֶען גִיט זֵיי רְשׁוּת [צוּ זָאגְן קְדוּשָׁה], שְׁוַוייגְן זֵיי מִיט אַ שְׁטִיל שְׁוַוייגֶענִישׁ

# יְקַבְּלוּן דֵין מִן דֵין שָׁוֵי, דְלָא בְּשַׁשְׁתָּא:

זֵיי נֶעמֶען [רְשׁוּת צוּ זָאגְן קְדוּשָׁה] אֵיין מַלְאָךְ פוּן דֶעם אַנְדֶערְן גְלֵייךְ, אָן קֵיין פַארְזוֹימֶענִישׁ [אֵיינֶער זָאגְט נִישְׁט פְרִיעֶר פוּן דֶעם אַנְדֶערְן]

## יְקַר מְלֵי כָל אַרְעָא, לְתַלוֹתֵי קְדוּשְׁתָּא:

צוּ לויבְּן 'מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', נָאכְ'ן זָאגְן דְרֵיי מָאל קָדוֹש [אֵיין מָאל קָדוֹש אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז הֵיילִיג אִין הִימְל, אַ צְוֵוייטְן מָאל אַז עֶר אִיז הֵיילִיג אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אַ דְרִיטֶע מָאל אַז עֶר אִיז הֵיילִיג אוֹיף אֵייבִּיג]

## כְּקָל מִן קֳדָם שַׁדַי, כְּקָל מֵי נְפִישׁוּתָא:

זֵייעֶר קוֹל אִיז שְׁטַארְק אַזוֹי וִוי דֶער קוֹל פוּנֶעם אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט אוּן אַזוֹי וִוי דֶער קוֹל פוּן דִי אָנְגֶעזַאמְלְטֶע וַואסֶערְן

## כְּרוּבִין קֳבֵל גַלְגַלִין, מְרוֹמְמִין בְּאַוְשָׁתָא:

[אַזוֹי אוֹיךְ] דִי מַלְאָכִים וָואס הֵייסְן כְּרוּבִים [חַיוֹת הַקוֹדֶש] אַנְטְקֶעגְן דִי מַלְאָכִים וָואס הֵייסְן גַלְגַלִין [אוֹפַנִים] לויבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַ גֶעשְׁרֵיי

## לְמֶחֱזֵי בְּאַנְפָּא עֵין, כְּוַת גִירֵי קַשְׁתָּא:

אַזוֹי וִוי צוּ זֶעהְן מִיט אַ אוֹיגְן בְּלִיק, אַזוֹי וִוי אַ שָׁאס פוּן אַ פֵייל בוֹיגְן [וָואס זֵיי זֶענֶען שְׁנֶעל]

## לְכָל אֲתַר דְמִשְׁתַּלְחִין, זְרִיזִין בְּאַשְׁוָתָא:

[אַזוֹי זֶענֶען דִי מַלְאָכִים, וָואס] צוּ יֶעדֶע פְּלַאץ וָואס זֵיי וֶוערְן גֶעשִׁיקְט, אֵיילְן זֵיי זִיךְ מִיט אַ שְׁנֶעלְקֵייט

## מְבָרְכִין בְּרִיךְ יְקָרֵהּ, בְּכָל לְשָׁן לְחִישׁוּתָא:

זֵיי לויבְּן דֶעם כָבוֹד פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַלֶע סָארְטְן שְׁפְּרַאכְן

## מֵאֲתַר בֵּית שְׁכִינְתֵּהּ, דְלָא צָרִיךְ בְּחִישׁוּתָא:

זֵיי זָאגְן 'בָּרוּךְ כְּבוֹד ה' מִמְקוֹמוֹ', וָואס מְ'דַארְף עֶס נִישְׁט זוּכְן [וֵוייל מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ]

## נְהִים כָּל חֵיל מְרוֹמָא, מְקַלְסִין בַּחֲשַׁשְׁתָּא:

בְּרִימֶען טוּעֶן אַלֶע מַלְאָכִים פוּן דִי הִימְל [אוּן] זֵיי לויבְּן מִיט אַ צִיטֶער

## נְהִירָא מַלְכוּתֵהּ, לְדָר וְדָר לְאַפְרַשְׁתָּא:

דִי קְלָארֶע שַׁיין פוּן זַיין קֶענִיגְרַייךְ, צוּ יֶעדֶער דוֹר וֶוערְט דָאס אַנְטְפְּלֶעקְט [בַּאוִויזְן]

## סְדִירָא בְּהוֹן קְדוּשְׁתָּא, וְכַד חַלְפָא שַׁעְתָּא:

עֶס אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט בַּיי זַיי דִי [צַייט פוּן זָאגְן] קְדוּשֶׁה, אוּן וֶוען עֶס גֵייט אַוֶועק דִי צַייט

## סִיוּמָא דִלְעָלַם, וְאוּף לָא לִשְׁבוּעָתָא:

הָאבְּן זַיי גֶעעֶנְדִיגְט אוֹיף אֵייבִּיג [דָאס מֵיינְט מֶען אַ יוֹבֵל] אוּן אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיף קֵיין שְׁמִיטֶה [זֶענֶען זַיי אָנְגֶעגְרֵייט צוּ לוֹיבְּן נָאכְאַמָאל]

**וִוי אַזוֹי דִי אִידְן לוֹיבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער**

## עֲדַב יְקַר אַחְסַנְתֵּהּ, חֲבִיבִין דִבְקַבְעְתָּא:

[אָבֶּער] דֶער גוֹרָל פוּן זַיין טֵייעֶרֶע נַחֲלָה [דָאס מֵיינְט מֶען דִי אִידְן] זַיי זֶענֶען בַּאלִיבְּט צוּ אִים, וֵוייל שְׁטֶענְדִיג

## עֲבִידִין לֵיהּ חֲטִיבָא, בִּדְנַח וּשְׁקַעְתָּא:

מַאכְן זַיי צוּ אִים אַ לוֹיבּ וֶוען דִי זוּן שַׁיינְט אוֹיף אוּן וֶוען דִי זוּן גֵייט אוּנְטֶער [זַיי זָאגְן צוּפְרִי אוּן בַּיינַאכְט קְרִיאַת שְׁמַע]

## פְּרִישָׁן לְמָנָתֵהּ, לְמֶעְבַּד לֵיהּ רְעוּתָא:

עֶר [דֶער בַּאשֶׁעפֶער] הָאט זַיי אָפְּגֶעשֵׁיידְט צוּ זַיין חֵלֶק, זַיי זָאלְן טוּהְן זַיין ווִילְן

## פְּרִישׁוּתֵהּ שְׁבָחֵהּ, יְחַוּוּן בְּשָׁעוּתָא:

דִי בַּאשֵׁיידֶענִישׁ פוּן זַיין לוֹיבּ דֶערְצֵיילְן זַיי אִין יֶעדֶע צַייט

## צְבִי וְחָמִיד וְרָגִיג, דְּיִלְאוֹן בְּלָעוּתָא:

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט און עֶר הָאט גֶעגְלוּסְט אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ פְּלָאגְן אִין דִי פְּלָאג פוּן די תּוֹרָה

## צְלוֹתְהוֹן בְּכֵן מְקַבֵּל, וְהַנְיָא בָּעוּתָא:

זֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת נֶעמְט עֶר אָן וֶועגְן דֶעם [וָואס זֵיי פְּלָאגְן זִיךְ אויף תּוֹרֶה] און סְ'נוּצְט זֵייעֶר גֶעבֶּעט

## קְטִירָא לְחֵי עָלְמָא, בְּתָגָא בִּשְׁבוּעָתָא:

דָאס [לויב און דַאוֶוענֶען] וֶוערְט צוּגֶעבִּינְדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער וָואס לֶעבְּט אֵייבִּיג, אִין זֵיין קְרוֹין, דוּרְךְ אַ שְׁבוּעָה [וָואס אַ מַלְאָךְ בַּאשְׁוֶוערְט די תְּפִילָה]

## קְבֵל יְקַר טוֹטֶפְתָּא, יְתִיבָא בִּקְבִיעוּתָא:

אַנְטְקֶעגְן די טֵייעֶרְקֵייט פוּן די תְּפִילִין וֶוערְן [די תְּפִילוֹת] בַּאזֶעצְט מִיט אַ קְבִיעוּת

## רְשִׁימָא הִיא גוּפָא, בְּחָכְמְתָא וּבְדַעְתָּא:

דָאס אִיז בַּאצֵייכְנְט אִין די תְּפִילִין אַלֵיין מִיט קְלוּגְשַׁאפְט און מִיט פַארְשְׁטַאנְד

## רְבוּתְהוֹן דְּיִשְׂרָאֵל, קְרָאֵי בִּשְׁמַעְתָּא:

די גְרוֹיסְקֵייט פוּן די אִידְן וָואס לֵיינֶען 'שְׁמַע יִשְׂרָאֵל'

## שְׁבַח רִבּוֹן עַלְמָא, אֲמִירָא דַּכְוָתָא:

מְ'לוֹיבְּט דֶעם הַאר פוּן די וֶועלְט, מִיט רֵיינֶע וֶוערְטֶער

## שְׁפַר עֲלֵיהּ לְחַוּיֵהּ, בְּאַפֵּי מַלְכְוָתָא:

עֶס אִיז שֵׁיין אוֹיף אִים [אויף די אִידְן] צוּ דֶערְצֵיילְן [די לויב פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער] פַאר די קֶענִיגְן [פוּן די אַלֶע פֶעלְקֶער]

## דִי פֶעלְקֶער קוּמֶען אוּן פְרֶעגְן פַאר דִי אִידְן

# תָּאִין וּמִתְכַּנְשִׁין, כְּחֵיזוּ אַדְוָתָא:

דִי פֶעלְקֶער קוּמֶען אוּן זַאמְלֶען זִיךְ אֵיין אַזוֹי וִוי דִי אוֹיסְזֶעהְן פוּן דִי כְוַואלְיֶעס [גַלֵי הַיָם]

# תְּמֵהִין וְשַׁיְילִין לֵיהּ, בְּעֵסֶק אַתְוָתָא:

זֵיי ווּאוּנְדֶערְן זִיךְ אוּן פְרֶעגְן דִי אִידְן וֶועגְן דִי צֵייכֶענֶעס [פוּן דִי גְאוּלֶה, - נָאךְ אַ פְּשַׁט, אוֹיף דִי אוֹתִיוֹת הַתּוֹרָה]

# מְנָן וּמָאן הוּא רְחִימָךְ, שַׁפִּירָא בְּרֵיוָתָא:

פוּן וואוּ אוּן וֶוער אִיז דֶער גֶעלִיבְּטֶער פוּן דִיר [דִי אִידְן] וָואס הָאט אַ שֵׁיינֶעם גֶעשְׁטַאלְט [אוּן עֶר וֵוייזְט דָאס פַאר עֶנְק]

# אֲרוּם בְּגִינֵהּ סָפִית, מְדוּר אַרְיְוָתָא:

וָואס פוּן וֶועגְן אִים וֶוערְסְטוּ פַארְלֶענְד [גֶעשְׁלָאגְן] פוּן דֶעם וואוֹינוּנְג מִיט דִי לֵייבְּן [דָאס מֵיינְט דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם]

# יְקָרָא וְיָאָה אַתְּ, אִין תַּעַרְבִי לְמַרְוָתָא:

טֵייעֶר אוּן שֵׁיין וֶועסְטוּ זַיין, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיסְמִישְׁן אוּנְטֶער דִי גוֹי'אִישֶׁע הֶערְן

# רְעוּתֵךְ נַעֲבֵיד לִיךְ, בְּכָל אַתְרְוָתָא:

דֵיין וִוילְן וֶועלְן מִיר דִיר טוּהְן אִין אַלֶע עֶרְטֶער

## עֶנְטְפֶערְן דִי אִידְן

# בְּחָכְמְתָא מְתִיבְתָּא לְהוֹן, קְצַת לְהוֹדָעוּתָא:

מִיט קְלוּגְשַׁאפְט עֶנְטְפֶערְן דִי אִידְן פַאר זֵיי, אוּן אַבִּיסְל פוּן דֶעם אוֹיבֶּערשְׁטְנְ'ס מַעֲשִׂים טוּהְט מֶען זֵיי צוּ וִויסְן

## יְדַעְתּוּן חַכְּמִין לֵיהּ, בְּאִשְׁתְּמוֹדָעוּתָא:

וֶוען אִיר וָואלְט גֶעוואוּסְט און זִיךְ גֶעקְלוּגְט אִים [דֶער בַּאשֶׁעפֶער] צוּ דֶערְקֶענֶען מִיט אַ דֶערְקֶענוּנְג [וָואלְטְן עֶנְק גֶעוואוּסְט]

## רְבוּתְכוֹן מָה חֲשִׁיבָא, קֳבֵל הַהִיא שְׁבַחְתָּא:

וָואס אִיז חָשׁוּב אֵייעֶר גְרוֹיסְקֵייט אַנְטְקֶעגְן דֶעם לוֹיבּ

## רְבוּתָא דְיַעֲבֵיד לִי, כַּד מַטְיָא שַׁעְתָּא:

[און] דִי גְרוֹיסְקֵייט וָואס עֶר [דֶער בַּאשֶׁעפֶער] וֶועט מִיר מַאכְן וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צֵייט [פוּן דִי גְאוּלֶה]

## בְּמֵיתֵי לִי נְהוֹרָא, וְתַחֲפֵי לְכוֹן בַּהֲתָא:

וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען אוֹיף מִיר אַ לֶעכְטִיקֵייט און עֶס וֶועט אֵייךְ צוּדֶעקְן אַ פִינְסְטֶערְנִישְׁט און אַ שַׁאנְד

## יְקָרֵיהּ כַּד אִתְגְלֵי, בְּתוּקְפָא וּבִגְבוּרְתָּא:

[וֶוען] זֵיין טֵייעֶרְקֵייט וֶועט אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן מִיט אַ שְׁטָאלְץ און אַ שְׁטַארְקֵייט

**מ'רֶעכְנְט אוֹיס וִוי אַזוֹי עֶס וֶועט זַיין לֶעָתִיד לָבוֹא**

## יְשַׁלֵם גְמֻלַיָא, לְסַנְאֵי וְנַגְוָתָא:

עֶר וֶועט בַּאצָאלְן אַ בַּאצָאלוּנְג פַאר דִי פֵיינְט און פַאר דִי פֶעלְקֶער פוּן אַלֶע אִינְזְלֶען פוּן יַם

## צִדְקָתָא לְעַם חָבִיב, וְסַגְיָא זַכְוָתָא:

אַ גֶערֶעכְטִיקֵייט וֶועט עֶר טוּהְן צוּ דֶעם גֶעלִיבְּטְן פָאלְק [דִי אִידְן] וָואס הָאט אַסַאךְ זְכוּתִים

## חֲדוּ שְׁלֵמָא בְּמֵיתֵי, וּמָנָא דַכְוָתָא:

אַ גַאנְצֶע פְרֵייד וֶועט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער פַאר אוּנְז בְּרֶענְגֶען, און אוֹיךְ דִי רֵיינֶע כֵּלִים פוּן בֵּית הַמִקְדָשׁ

## קִרְיְתָא דִירוּשְׁלֵם, כַּד יְכַנֵּשׁ גַּלְוָתָא:

צוּ דִי שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם וֶוען עֶר וֶועט אֵיינְזַאמְלֶען אַלֶע אִידְן פוּן גָלוּת

## יְקָרֵיהּ מָטֵיל עֲלֵיהּ, בְּיוֹמֵי וְלֵילָתָא:

זַיין כָּבוֹד וֶועט רוּהֶען אוֹיף דִי אִידְן בֵּייטָאג אוּן בֵּיינַאכְט

## גְּנוּנֵיהּ לְמֶעְבַּד בָּהּ, בְּתוּשְׁבְּחָן כְּלִילָתָא:

זַיין חוּפֶּה [בֵּית הַמִקְדָשׁ] וֶועט עֶר מַאכְן אִין יְרוּשָׁלַיִם צוּ אַ לוֹיבּ אוּן צוּ אַ קְרוֹין

## דְזֵיהוֹר עֲנָנַיָּא, לְמִשְׁפַּר כִּילָתָא:

עֶר וֶועט לֵייכְטְן מִיט דִי וָואלְקֶענֶעס צוּ בַּאשֵׁיינֶען דִי חוּפֶּה

## לְפוּמֵיהּ דַעֲבִידְתָא, עֲבִידָן מְטַלַּלְתָּא:

לוֹיט וִויפִיל יֶעדֶער הָאט גֶעאַרְבֶּעט וֶועט מֶען אִים מַאכְן אַ חוּפֶּה [פַאר יֶעדְן צַדִיק וֶועט מֶען מַאכְן אַ חוּפֶּה לוֹיט זַיינֶע מִצְווֹת]

## בְּתַכְתַּקֵי דְהַב פִּיזָא, וּשְׁבַע מַעֲלָתָא:

מִיט שְׁטוּלְן פוּן גִין גָאלְד מִיט זִיבְּן טְרֶעפּ

## תְּחִימִין צַדִּיקֵי, קֳדָם רַב פָּעֳלָתָא:

דִי צַדִיקִים וֶועלְן הָאבְּן זֵייעֶר גְרֶענִיץ [זֵייעֶר פְּלַאץ] פַארְן בַּאשֶׁעפֶער וָואס [וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'רַב פְּעָלִים', וֵוייל] סְ'אִיז גְרוֹיס זַיינֶע טוּהוּנְגֶען

## וְרֵיוֵיהוֹן דָּמֵי, לְשָׂבְעָא חֶדְוָתָא:

אוּן זֵייעֶר גֶעשְׁטַאלְט וֶועט זַיין גְלֵייךְ צוּ דִי וָואס זֶענֶען אָנְגֶעזֶעטִיגְט פוּן פְרֵייד

## רְקִיעָא בְּזֵיהוֹרֵיהּ, וְכוֹכְבֵי זִיוָתָא:

[אוּן זֵייעֶר פָּנִים אִיז אוֹיךְ] אַזוֹי וִוי דִי הִימְל מִיט זַיין לוֹיטֶערְקֵייט אוּן דִי לִיכְטִיגֶע שְׁטֶערְן

## הֲדָרָא דְלָא אֶפְשַׁר, לְמִפְרַט בִּשְׁפָוָתָא:

אַ שֵׁיינְקֵייט וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיס צוּ רֶעדְן מִיט דִי לִיפְּן

## וְלָא אִשְׁתְּמַע וְחָמֵי, נְבִיאָן חֶזְוָתָא:

אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעהֶערְט גֶעוָוארְן, אוּן עֶס נִישְׁט גֶעזֶעהְן גֶעוָוארְן פַאר דִי נְבִיאִים אִין זֵייעֶר זֶעהוּנְג

## בְּלָא שָׁלְטָא בֵיהּ עַיִן, בְּגוֹ עֵדֶן גִנְתָא:

[אוּן] עֶס הָאט נִישְׁט גֶעוֶועלְטִיגְט קֵיין אוֹיג צוּ זֶעהְן דֶעם שְׂכַר פוּן דִי צַדִיקִים אִין גַן עֵדֶן

## מְטַיְילֵי בֵיהּ חִנְגָא, לְבַהֲדֵי דִשְׁכִינְתָּא:

וואוּ דָארְט וֶועלְן דִי צַדִיקִים שְׁפַּאצִירְן מִיט טֶענְץ צוּזַאמֶען מִיט דִי הֵיילִיגֶע שְׁכִינָה

## עֲלֵיהּ רַמְזֵי דֵין הוּא, בְּרַם בְּאֶמְתָנוּתָא:

אוֹיף דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן וֶועלְן זֵיי וֵוייזְן דָאס אִיז אוּנְזֶער בַּאשֶׁעפֶער [אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וְאָמַר בַּיּוֹם הַהוּא הִנֵּה אֱלֹהֵינוּ זֶה וגו'"] אָבֶּער מִיט מוֹרֶא וֶועלְן זֵיי אוֹיף אִים וֵוייזְן

## שַׂבַּרְנָא לֵיהּ בְּשִׁבְיָן, תְּקוֹף הֵמָנוּתָא:

מִיר הָאבְּן גֶעהָאפְט צוּ אִים [אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "זֶה ה' קִוִּינוּ לוֹ וגו'"] אוּן אוּנְזֶער גֶעפֶענְגֶענִישׁ [אִין גָלוּת], מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה

## יְדַבֵּר לָן עָלְמִין, עֲלֵמִין מְדַמּוּתָא:

עֶר וֶועט אוּנְז פִירְן אוֹיף אֵייבִּיג אַזוֹי וִוי יוּנְגֶע פְרֵיילֶעכֶע מֶענְטְשְׁן

## מְנָת דִילָן דְמִלְקַדְמִין, פָּרֵשׁ בַּאֲרָמוּתָא:

אוּנְזֶער חֵלֶק וָואס פוּן פְרִיעֶר הָאט עֶר עֶס שׁוֹין אָפְּגֶעשֵׁיידְט מִיט אַ אָפְּשֵׁיידוּנְג

## דִּי שְׁפִּיל פוּנֶעם לִוְיָתָן מִיט דֶער שׁוֹר הַבָּר

### טְלוּלָא דְלִוְיָתָן, וְתוֹר טוּר רָמוּתָא:

דֶעם שְׁפִּיל פוּנֶעם לִוְיָתָן מִיט דֶער שׁוֹר הַבָּר וָואס אִיז אוֹיף דִי הוֹיכֶע בֶּערְג

### וְחַד בְּחַד כִּי סָבִיךְ, וְעָבִיד קְרָבוּתָא:

אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערְן וֶועלְן זִיךְ פַארְטְשֶׁעפֶּען אוּן זֵיי וֶועלְן מַאכְן אַ מִלְחָמֶה

### בְּקַרְנוֹהִי מְנַגַּח, בְּהֵמוֹת בְּרַבְרְבוּתָא:

דֶער שׁוֹר הַבָּר וֶועט שְׁטוֹיסְן מִיט זַיינֶע הֶערְנֶער וָואס עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער פוּן אַלֶע בְּהֵמוֹת

### יְקַרְטַע נוּן לְקִבְלֵהּ, בְּצִיצוֹי בִּגְבוּרְתָּא:

עֶס וֶועט שְׁפְּרִינְגֶען דֶער פִישׁ דֶער לִוְיָתָן אַנְטְקֶעגְן [דֶעם שׁוֹר הַבָּר] מִיט זַיין פְלוֹס פֶּעדֶערְן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט

### מְקָרֵב לֵיהּ בָּרְיֵהּ, בְּחַרְבֵּהּ בְּרַבְרְבוּתָא:

דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ אִים מִיט זַיין גְרוֹיסְן שְׁוֶוערְד

### אֲרִיסְטוֹן לְצַדִּיקֵי יְתַקֵּן, וְשֵׁירוּתָא:

אַ סְעוּדֶה וֶועט עֶר [פוּנֶעם שׁוֹר הַבָּר] אָנְגְרֵייטְן פַאר דִי צַדִּיקִים אוּן אַ מָאלְצַייט

### מְסַחֲרִין עֲלֵי תַכֵּי, דְכַדְכּוֹד וְגוּמַרְתָּא:

זֵיי וֶועלְן זִיךְ אַרוּם זֶעצְן אַרוּם טִישְׁלֶעךְ, וָואס זֶענֶען פוּן דִימַאנְטְן מִיט טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער

### נְגִידִין קָמֵיהוֹן, אֲפַרְסְמוֹן נַהֲרָתָא:

עֶס וֶועט זִיךְ צִיעֶן פַאר זֵיי טֵייכְן פוּן שְׁמֶעקֶעדִיגֶע שֶׁמֶן אֲפַרְסְמוֹן

## וּמִתְפַּנְקִין וְרָוֵי, בְּכַסֵּי רְוָיָתָא:

אוּן זֵיי וֶועלְן הָאבְּן פַאַרְגֶענִיגְן אוּן זֵיי וֶועלְן טְרוּנְקֶען צוּם זֶעט מִיט בֶּעכֶער'ס וָואס מַאכְן זַאט [גְרוֹיסֶע בֶּעכֶער'ס]

## חֲמַר מְרַת דְּמִבְּרֵאשִׁית, נְטִיר בֵּי נַעֲוָתָא:

אַלְטֶע וֵויין וָואס אִיז אָפְּגֶעהִיטְן אִין דִי קֶעלֶער'ס פוּן שֵׁשֶׁת יְמֵי בְּרֵאשִׁית

**אַ וואוּנְטְשׁ פַאר דִי וָואס הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי לוֹיבּ**

## זַכָּאִין כַּד שְׁמַעְתּוּן, שְׁבַח דָּא שִׁירָתָא:

אַזוֹי וִוי אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז אִיר הָאט גֶעהֶערְט דִי לוֹיבּ פוּן דִי שִׁירָה [דִי אַקְדָמוּת]

## קְבִיעִין כֵּן תֶּהֱווֹן, בְּהַנְהוּ חֲבוּרָתָא:

אַזוֹי זָאלְט אִיר זוֹכֶה זֵיין צוּ זֵיין צְווִישְׁן דִי חֲבוּרָה פוּן דִי צַדִּיקִים

## וְתִזְכּוּן דִּי תֵיתְבוּן, בְּעֵילָא דָרָתָא:

אוּן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זֵיין אַז אִיר זָאלְט זִיצְן [אַנְטְקֶעגְן דִי שְׁכִינָה] אִין דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע שׁוּרָה

## אֲרֵי תְצִיתוּן לְמִלָּי, דְנָפְקִין בְּהַדְרָתָא:

אַז אִיר וֶועט אָנְנֶעמֶען מֵיינֶע רֵייד וָואס גֵייעֶן אַרוֹיס מִיט אַ שֵׁיינְקֵייט

## מְרוֹמָם הוּא אֱלָהִין, בְּקַדְמָא וּבַתְרַיְתָא:

דֶערְהוֹיבְּן אִיז עֶר אוּנְזֶער בַּאשֶׁעפֶער בֵּיים אָנְהוֹיבּ אוּן בֵּיים לֶעצְטְן

## צְבִי וְאִתְרְעִי בָן, וּמְסַר לָן אוֹרַיְתָא:

עֶר הָאט גֶעוָואלְט אוּן זֵיין רָצוֹן אִיז גֶעוֶוען אִין אוּנְז, אוּן עֶר הָאט אוּנְז אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה

# דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי אַקְדָמוּת

אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג פוּן אַ גְרוֹיסֶע מְדִינָה וָואס דָארְט הָאבְּן גֶעווֹאוֹינְט זֵייעֶר אַסַאךְ אִידְן, אוּן דֶער קֶענִיג הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט דִי אִידְן וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעטְרֵייע פַארְ'ן קֶענִיג אוּן פַאר דִי לַאנְד, אָבֶער עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ גַלֶח וָואס אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר גְרוֹיס גֶעוֶוען בֵּיים קֶענִיג'ס שְׁטוּבּ אָבֶער עֶר הָאט זֵייעֶר פֵיינְט גֶעהַאט דִי אִידְן אוּן עֶר אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער כִּישׁוּף מַאכֶער אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַזַא סָארְט כִּישׁוּף אַז עֶר הָאט גֶעקוּקְט שְׁטַארְק אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אוּן עֶר הָאט אִים גֶע'הַרְגֶ'עט, דִי אִידְן הָאבְּן גֶעשִׁיקְט פַארְצֵיילְן פַאר דִי מֶלֶךְ פוּן דִי צָרוֹת וָואס דִי גַלֶח מַאכְט זֵיי, אוּן דֶער קֶענִיג הָאט גֶערוּפְן דֶעם גַלֶח אוּן הָאט אִיהְם גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר מַאכְט זֵיי אַזוֹי, הָאט דֶער גַלֶח אַנְגֶעהוֹיבְּן אִיבֶּער צוּרֶעדְן דֶעם קֶענִיג אַז דִי אִידְן זֶענֶען אַ שְׁלֶעכְטֶע פָאלְק אוּן זֵיי טוּהְן ווִידֶער שְׁפֶּענִיגְן אִינֶעם קֶענִיג אוּן עֶר אִיז עֶס גְרֵייט צוּ אוֹיפְוַוייזְן פַארְ'ן קֶענִיג בֵּיי יֶעדֶע וִיכּוּחַ וָואס עֶר וֶועט שְׁטֵיין אַקֶעגְן דִי אִידְן, אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען מִיט אַ תְּנַאי אַז אוֹיבּ דֶער גַלֶח וֶועט גֶעוִוינֶען בֵּיי דִי וִיכּוּחַ דֶעמָאלְטְס וֶועלְן אַלֶע אִידְן וֶוערְן גוֹיִם חַס וְשָׁלוֹם.

דִי אִידְן הָאבְּן בַּאשְׁלָאסְן צוּ שִׁיקְן אַ שְׁלִיחַ צוּ אַ וֵוייטֶע פְּלַאץ וָואס דָארְטְן גֶעפִינֶען זִיךְ גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, אָבֶער אַרוּם דִי פְּלַאץ אִיז דָא אַ טֵייךְ וָואס סְ'הֵייסְט סַמְבַּטְיוֹן, אוּן דִי טֵייךְ וַוארְפְט אַ גַאנְצֶע צֵייט שְׁטֵיינֶער אוֹיף אַרוֹיף אוּן מְ'קֶען נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין דִי טֵייךְ, אוֹיסֶער שַׁבָּת וָואס דֶעמָאלְטְס הָאט דִי סַמְבַּטְיוֹן נִישְׁט גֶעוָוארְפְן קֵיין שְׁטֵיינֶער.

דִי אִידְן הָאבְּן גֶעווֹאוּסְט אַז צוּלִיבּ פִּיקוּחַ נֶפֶשׁ מֶעג מֶען מְחַלֵל שַׁבָּת זֵיין דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן צוּ שִׁיקְן אַ שְׁלִיחַ זָאל אַרִיבֶּער גֵיין דִי טֵייךְ אִין שַׁבָּת אוּן בֶּעטְן פוּן זֵיי אַז אֵיינֶער פוּן דִי צַדִיקִים זָאל קוּמֶען צוּ דִי וִיכּוּחַ מִיטְן גַלֶח, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען גֶעטוּהְן, זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ גוֹרָל וֶוער עֶס זָאל זֵיין דִי שְׁלִיחַ, וַוייל דֶער שְׁלִיחַ הָאט שׁוֹין גֶעמוּזְט דָארְט בְּלֵייבְּן אוּן הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּרִיק קוּמֶען וַוייל מְ'מֶעג אַרִיבֶּער גֵיין דִי טֵייךְ אִין שַׁבָּת נָאר וֶועגְן פִּיקוּחַ נֶפֶשׁ אָבֶער צוּרִיק גֵיין טָאר מֶען נִישְׁט, אוּן דִי גוֹרָל אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אוֹיף רַבִּי מֵאִיר, אוּן עֶר אִיז גֶעזִיצְן אַ גַאנְצֶע נָאכְן אוּן גֶעמַאכְט דִי פִּיוּט פוּן דִי אַקְדָמוּת וָואס דָאס אִיז אַ לוֹיבּ פַאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן צוּמָארְגְנְס אִיז עֶר אַרוֹיס פוּן שְׁטָאט אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן פוּן זֵיינֶע חֲבֵרִים אוּן אַלֶע הָאבְּן אִים גֶעווֹאוּנְטְשְׁן הַצְלָחָה.

וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן שַׁבָּת אִיז רַבִּי מֵאִיר אַרִיבֶּער דִי טֵייךְ אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט וָואס דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שְׁטָאט הָאבְּן גֶעהֵייסְן "בְּנֵי מֹשֶׁה" אוּן עֶר הָאט זֵיי פַּארְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶעמַאכְט אַ גוֹרָל וֶועמֶען צוּ שִׁיקְן צוּ דִי וִיכּוּחַ, אוּן עֶס אִיז אַרוֹיסגֶעקוּמֶען דִי גוֹרָל אוֹיף עֶפֶּעס אַ שְׁנֵיידֶער, אוּן אוֹיךְ דֶער שְׁנֵיידֶער הָאט גֶעוַוארְט אוֹיף שַׁבָּת אוּן עֶר אִיז אַרִיבֶּער דִי טֵייךְ אוּן דִי אִידְן הָאבְּן אִים דָארְט גֶעוַוארְט אוּן מְ'הָאט אִים אָפְּגֶעגֶעבְּן גְרוֹיס כָּבוֹד, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט פַּארְ'ן קֶענִיג אַז זֵיי זֶענֶען גְרֵייט צוּ דִי וִיכּוּחַ, אוּן דֶער קֶענִיג הָאט בַּאשְׁטִימְט אַ צֵייט אוּן טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען זֶעהְן אוּן מִיטְהַאלְטְן דֶעם וִיכּוּחַ, וֶוען דֶער גַלָּח אִיז אָנְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר אָנְגֶעקוּקְט שְׁטַארְק דֶעם שְׁנֵיידֶער אוּן עֶר הָאט אִים גֶעוָואלְט הַרְגֶענֶען אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר אִיז אַ הֵיילִיגֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער גַלָּח הָאט גֶעזָאגְט פַּארְ'ן קֶענִיג אַז פַאר וֶוען עֶר הֵייבְּט אָן דִי וִיכּוּחַ וִויל עֶר עֶפֶּעס וֵוייזְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען דָארְט צְוֵויי גְרוֹיסֶע שְׁטֵיינֶער אוּן דֶער גַלָּח הָאט זֵיי אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ כִּישׁוּף אוּן דִי צְוֵויי שְׁטֵיינֶער אִיז גֶעבְּלִיבְּן הֶענְגֶען אִין דִי לוּפְט אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַרוּם גֶעדְרֵייט אוֹיבְן אַזוֹי וִוי גַלְגַלִים אוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעשְׁטוֹיְנְט צוּ זֶעהְן דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ.

דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער גַלָּח צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם שְׁנֵיידֶער אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט אֶפְשֶׁר קֶענְסְטוּ אוֹיךְ מַאכְן עֶפֶּעס אַזַא וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאךְ, דֶער שְׁנֵיידֶער הָאט אַרוּמְגֶעקוּקְט אַרוּם אוּן אַרוּם, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶעהְן דָארְט גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער, הָאט דֶער שְׁנֵיידֶער גֶעזָאגְט פַּארְ'ן גַלָּח, אִיךְ וֶועל אָנְכַאפְּן דִי הֶעכְסְטֶע בּוֹים אוּן אִיךְ וֶועל עֶס אַרָאפּ בֵּייגְן בִּיז צוּ דִי עֶרְד, אוּן נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ עֶס אָנְכַאפְּן אַז סְ'זָאל נִישְׁט צוּרִיק אַרוֹיף שְׁפְּרִינְגֶען, דֶער גַלָּח הָאט גֶעלַאכְט אוּן הָאט גֶעזָאגְט לָאמִיר זֶעהְן צִי דוּ קֶענְסְט, דֶער שְׁנֵיידֶער אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דִי בּוֹים אוּן הָאט עֶס אָנְגֶעכַאפְּט אוּן הָאט עֶס גְרִינְגֶערְהֵייט אַרָאפּ גֶעבּוֹיגְן בִּיז צוּ דִי עֶרְד, אוּן עֶר זָאגְט פַּארְ'ן גַלָּח קוּם זֵיי מַמְשִׁיךְ צוּ אָנְכַאפְּן דִי בּוֹים, צִיטֶערְדִיגֶערְהֵייט אִיז דֶער גַלָּח צוּגֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעכַאפְּט בֵּיי דִי שְׁפִּיץ פוּן דִי בּוֹים וָואס אִיז גֶעלֶיגְן אוֹיף דִי עֶרְד, אוּן דֶער שְׁנֵיידֶער הָאט דֶעמָאלְטְס אַרָאפּ גֶענוּמֶען זַיְינֶע הֶענְט אוּן דֶער גַלָּח אִיז אַרוֹיף גֶעפְלוֹיגְן אוֹיבְן מִיטְן בּוֹים אוּן עֶר אִיז אַרַיין צְווִישְׁן דִי צְוֵויי שְׁטֵיינֶער אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן צוּשְׁמֶעטֶערְט אוּן אַלֶע אִידְן הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אַז דֶער גַלָּח דֶער רָשָׁע אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן פוּן דֶעמָאלְטְס אָן פִּירְט מֶען זִיךְ אַלֶע יָארְן צוּ זָאגְן דִי אַקְדָמוּת יוֹם טוֹב שְׁבוּעוֹת פַּארְ'ן לֵיינֶען כְּדֵי צוּ לוֹיבְּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער.

# יְדִיעוֹת אוֹיףְ "בַּעַל הָאַקְדָמוּת"

**דער** מחבר פון די אקדמות האט געהייסן רבי מאיר ב"ר יצחק ש"ץ, ער האט געלעבט אין די צייטן פון רש"י (בערך 920 יאר צוריק), ער האט געמאכט עטליכע תפילות און פיוטים, ווי רש"י דערמאנט איהם עטליכע מאל (הושע ו, ט; עמוס ג, יב; תהלים עג, יב;) עס איז באקאנט א תפילה וואס ער האט געמאכט וואס מען זאגט עס יעדן יום טוב ביי די הויכע שמונה עשרה פון מוסף, די תפילה פון "ותערב".

**ער** האט קודם געוואוינט אין שטאט ווארמייזא (אויך רש"י הקדוש האט דארט געוואוינט) אבער נאך די באקאנטע מעשה, איז ער געבליבן אויף די אנדערע זייט פון די טייך סמבטיון.

**ווען** עס איז געווען די שרעקליכע רציחות אויף די אידן פון די געגנט "אשכנז", איז אויך די שטאט ווארמייזא אנגעפילט געווארן מיט אידיש בלוט רח"ל, איינער פון די גע'הרג'עטע איז געווען א זוהן פון דעם רבי מאיר בעל האקדמות הי"ד.

**עס** איז דא עטליכע דעות, וואו ער איז באערדיגט געווארן: א) אין שטאט ווארמייזא, ב) ביי די אנדערע זייט פון סמבטיון, ג) אין דארף "גוש חלב" נעבן מירון [עס איז דא דארט ביזן היינטיגן טאג די ציון פון רבי מאיר בעל האקדמות], ד) אין שטאט לובלין [פולין], ה) אין טבריה ביי די קבר פון "רבי מאיר בעל הנס", די שיטה איז זיכער א טעות פון די עמי הארצים, ווייל אין טבריה ליגט דער הייליגער "תנא" רבי מאיר בעל הנס.

**עס** איז אינטערעסאנט צו וויסן ווי זאגט מען "נישט" די אקדמות?

אין די שטאט ווארמייזא!, די שטאט פון רבי מאיר בעל האקדמות!

פארוואס?

**עס** איז נישט קלאר די ריכטיגע טעם, אבער עס ווערט געברענגט א גירסא (אין ספר מנהגי ווארמייזא, פון מהרי"ל קירכום זי"ע, וואס ער האט מקבל געווען די טעם) ווייל עס איז געווען איינמאל א מעשה אין די שטאט ווארמייזא, וואס דער חזן האט געזאגט די אקדמות אין שבועות, מיט אזעלכע בכיות, ביז ער איז – פון גרויס וויינען, מיט שרעקליכע קולות – צאמגעפאלן און נפטר געווארן רח"ל, ווענן דעם האט מען אויפגעהערט צו זאגן דארטן די אקדמות.

**אבער** דער מהרי"ל קירכום פירט אוים, אז עס איז מסתמא נישט די ריכטיגע סיבה, ווייל לויט די מעשה וואלט מען אוודאי געדארפט זאגן די תפילה, כדי צו ווייזן ווי הייליג עס איז, נאר זיכער איז דא א באהאלטענע טעם, וואס מיר ווייסן נישט.